19) 10.9.67 רעפעראט פון אברהם ליס פון ישראל אד"ט: „די מערכה פון יידיש און פון יידישן שאַפן אין ארץ־ישראל — אמאָל און היינט". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

20) 24.9.67 רעפעראט פון פּראָפעסאָר אברהם קאהאַן פון טשיקאַגאָ אד"ט: „אמעריקע אויפן שייד־וועג". פאָרזיצער: ס. בור־שטין.

21) 7.10.67 ערשטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא פון נוי־יאָרק אין פּרינצעס טעאטער. אריינפיר: יאשע שער.

22) 22.10.67 צווייטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא אין „עסקווייער־טעאטער.

23) 29.10.67 דריטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא אין „קדימה".

24) 5.11.67 פערטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא אין „עסקווייער־טעאטער.

25) 12.11.67 פינפטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא אין „עסקווייער"־טעאטער.

26) 18.11.67 זעקסטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא אין „קדימה".

27) 19.11.67 ד"ר יאנוש קאָרטשאַק־אָוונט אין שייכות מיט דער 25טער יאָרצייט נאָך זיין אומקום, איינגעאָרדנט צוזאמען מיטן ווארשעווער צענטער, פעדעראציע פון די לאנדסמאנ־שאפטן און די יידישע שולן. רעפעראט: י. קערש. אנדערע אָנטיילנעמער: ר. בארבעק, א. נאגעל, פרוי פּער־טשוק. געזאנג: רחל געטלער, פּיאנאָ־באגלייטונג: מרים ראָכלין. רעציטאציע: יהודית סקידעל. לייענען: ש. שווארץ. פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

28) 25.11.67 זיבעטער קאָנצערט פון דאָרא קאַלינוונא אין „קדימה".

29) 25.11.67 „א גלעזל טיי" צו געזעגענען דאָרא קאַלינוונא. א וואָרט

ווער געטאָ־אויפשטאַנד, איינגעאָרדנט אין מעלבורנער טאַון־האָל, דורך דעם „באָארד אָף דעפּיוטיס" און דער „קדימה", צוזאַמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט, פּעדע־ראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער פאַרבאַנד, פאַרבאַנד פון געוו. יידישע זעלנער, יידישער יוגנט־ראַט, בני־ברית, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. רעד־נער: חוה ראָזענפאַרב פון מאָנטרעאָל, הרב דר. ה. פרידמאַן, ש. לעבענשטיין (יוגנט־רעדנערין). „אל מלא רחמים" און קדיש — חזן א. אדלער. פאָרזיצער: נ. בעלער. אין אַרטיסטישן טייל: כאָר פון הר־הצופים שול; רחל האָלצער און רחל לעוויטאַ אין א פראַגמענט פון ל. פרידמאַנס „מאַדאַם אדלער". רחל געטלער — געזאַנגביים אַקאָמפּאַנימענט פון מרים ראָכלין.

(7 14.5.67 רעפעראַט פון חוה ראָזענפאַרב א.ד.ט. „שלום אש און יצחק באשעוויס". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

(8 21.5.67 רעפעראַט פון חוה ראָזענפאַרב א.ד.ט. „טעאַטער היינט־צו־טאָג". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

(9 24.5.67 רעפעראַט פון חוה ראָזענפאַרב א.ד.ט. „קונסט און שונד" אין לאָקאַל פון „בני־ברית". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

(10 28.5.67 רעפעראַט פון חוה ראָזענפאַרב א.ד.ט. „לייוויקס וועג צו איובן". פאָרזיצער: פּ. אַלטמאַן.

(11 28.5.67 א גלעזל טיי צו געזעגענען חוה ראָזענפאַרב. עס געזע־גענען: י. אָרבאַך, י. גיליגיטש, ל. פרידמאַן, י. קאַהאַן.

(12 4.6.67 אָוונט לכבוד הערש מונץ אין שייכות מיט זיין 40־יאָ־ריקער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אויס־טראַליע, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיטן ציוניסטישן ראַט, פּועלי־ציון, פריינד פון „השומר הצעיר", פּעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, ברית עברית עולמית און „דער לאַנדסמאַן" אין לאָקאַל פון בית אניעלעוויטש. באַגרי־סער: ש. ווין, ש. מאַראַנץ, ב. פּאַטקין, ל. פרידמאַן, א. ציקערט, י. שפּערלינג, פאָרזיצער: י. רעזאַק. אַרטיסטישער טייל: דעני קליינמאַן, סילוויא פּאָרטעק, רחל פּאָדעמסקי, אַראַנזשירט דורך ב. קאַלושינער. קאָנפעראַנסיע: יאשא שער.

(13 4.6.67 אָוונט געווידמעט דעם ישראל־אַפּיל, איינגעאָרדנט צוזאַ־מען מיט די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס טעטיק אין די צפון־פאָרשטעט. גאַסט־רעדנער: י. סאָלווע. פאָרזיצער: י. ריימער.

(14 21.6.67 אָוונט געווידמעט דעם ישראל נויט־אַפּיל אין „עמפּייער־באָל־רום" צוזאַמען מיט א טייל לאַנדסמאַנשאַפטן, פּועלי־ציון און ברית עברית עולמית. גאַסט־רעדנער: אהרן אבראַמסאָן. פאָרזיצער: מ. סלאָנים. אין פּרעזידיום: ס. בורשטין.

(15 9.7.67 שלושים־אָוונט נאָך יעקב זרובבל ע"ה, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דער פעדעראַציע פון די פּוילישן יידן, ציונ. ראַט, פּועלי־ציון, יידישן שולן און „דער לאַנדסמאַן" אין

עקספערימענט איז געווען זייער א געלונגענער. עס איז אויפגעפירט געוואָרן אפרים קישאָנ׳ס קאָמעדיע „די כתובה" אין דער יידישער איבערזעצונג פון יאשא שער און אין דער רעזשי פון שיע טיגעל. די פיעסע האָט שטאַרק אויסגענומען און איז געשפילט געוואָרן ביי פולע זאַלן 11 מאָל אין מעלבורן און איין מאָל אין סידנעי.

דער קרייז האָט אָנטיילגענומען אין צוויי אָוונטן, אויף וועלכע עס איז געלייענט געוואָרן די געטאָ־דראַמע פון ל. פרידמאַן „מאַדאַם אַדלער". דער קרייז האָט אויך געהאָלפן ביי די אויפטריטן פון דער קינסטלערין דאָרא קאַלינוווגא.

אין משך פון יאָר זענען דורכגעפירט געוואָרן א גאַנצע ריי פאַמיליע־אָוונטן און עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן א ריי זיצונגען פון דעם קאָמיטעט פון קרייז.

דער קרייז האָפט, אז מיטן קויפן פון דעם „עסקווייער"־טעאַטער דורך דער „קדימה" וועט דער קרייז האָבן א מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן און אַנטוויקלען זיין טעטיקייט. אין שייכות מיט דעם אַרבעט איצט אויס דער קרייז א פּלאַן פאַר דעם נייעם סעזאָן.

דער קאָמיטעט פון טעאַטער־קרייז אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז באַ־שטאַנען פון די פאָלגנדע פריינד: ט. גינטער, צ. גערשאָוו, ש. האָכגע־לערנטער, ש. טיגעל, ר. לעוויטא, ש. מיגדאַלעק, ה. קאָטלאַזש, ש. שוואַרץ, י. שער.

## „קדימה"־אונטערנעמונגען אין יאָר 1967

1) 21.3.67 55־טע יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

2) 2.4.67 עפנטלעכע לייענונג פון ל. פרידמאַנס דראַמע „מאַדאַם אדלער". אָנטיילנעמער: רחל האָלצער, יצחק אַפּעלאָ־וויטש, רבקה גאַווענדאַ, שיע טיגעל, רחל לעוויטאַ, משה פיינטוך, מאיר צעפּראָוו, שמעון קינג, שלום שוואַרץ, יאשא שער. אריינפיר: ס. בורשטין.

3) 22.4.67 צווייטע עפנטלעכע לייענונג פון „מאַדאַם אדלער".

4) 23.4.67 פנחס גאָלדהאַר אָנדענק־אָוונט, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט די יידישע שולן. אָנטיילנעמער: ה. בערגנער, י. קאַהאַן, ש. ערענרייך. י. גיליגיטש לייענט ה. גאָלד־האַרס דערציילונג. פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

5) 29.4.67 אָוונט לכבוד הערץ בערגנער, צום באַקומען די „לאָניאַ און פישל בימקאָ־פּרעמיע" און צו זיין אַוועקפאָרן אויף א לענגערער רייזע. אָוונט, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט י. ל. פּרץ־ און שלום עליכם־שולן, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און דעם „לאַנדסמאַן", אין „ציון" רעסטאָראַן. באַגריסער: י. גיליגיטש, י. לעוויטאַן, י. קאַהאַן, י. קערש, ל. פרידמאַן, א. סאָקאָלאָוויטש, י. שפּערלינג. פאָרזיצער: י. אָרבאַך. אַרטיסטישער טייל אַראַנזשירט דורך ב. קאַלושינער: דעני און ראָוז קליינ־מאַן, ריטא מאַנדעלבוים, סילוויא פּאָרטעק; אַקאָרדיאָנ־באַגלייטונג: י. גליקסמאַן. קאָנפעראַנסיע: יאשא שער.

6) 7.5.67 פייערלעכע אַקאַדעמיע צום 24־טן יאָרטאָג פון וואַרשע־

די פריינד י. מערסער, ב. פּאָטקין, ל. פרידמאַן און ש. קאַמיל האָבן געדערט וועגן דער פּערזענלעכקייט פון יהודה האָניג ע״ה און געגעבן אַן אָפּ־שאַצונג פון זיין 40־יאָריקער טעטיקייט אין אונדזער ישוב.

זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז הגם יהודה האָניג איז געווען אַ גוטער קענער פון העברעאיש און איינער פון די גרינדער פון דער ח. נ. ביאַליק־שול און פון חוג עברי (שפּעטער ברית עברית עולמית), האָט ער אָפּגעשאַצט דעם גרויסן כוח, וואָס יידיש פאַרמאָגט און האָט געשריבן זיינע פעליעטאָנען און ערנסטע אַרטיקלען אין יידיש אין די היגע ביידע צייטונגען.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און דער פּאָרזיצער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין משך פון לאַנגע יאָרן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס היגע יידישע לעבן דאַרף געבויט ווערן דורך אַלע ריכטונגען, וואָס שטייען אויף דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַזע. דעריבער האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער „קדימה״ און איז געווען איר פּרעזידענט אין משך פון אַ ריי יאָרן.

ער האָט געהאַט זיינע פעסטע פּרינציפּן און איבערצייגונגען, אָבער ער איז געווען טאָלעראַנט צו אַ צווייטנס מיינונג. צוליב זיין ערלעכקייט אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן און צוליב דער וואָג, וואָס זיין וואָרט האָט געטראָגן, איז ער געווען רעספּעקטירט אין אַלע קרייזן פון דער געזעלשאַפט און איז געוואָרן איינער פון די זיילן פון היגן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס איז געוואָרן פאָרגעלייגט צונויפצוזאַמלען זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען און אַרויסגעגעבן זיי אין אַ בוך־פאָרם, ווי אויך פאַראייביקן זיין נאָמען אויף אַ געהעריקן אופן.

פריינד שיע טיגעל האָט געלעיינט אויפן אָוונט יהודה האָניגס אַרטיקל וועגן די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן אין מעלבורן און דער חזן פאַראַסאָל האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ און געזאָגט קדיש.

## דאַנק־אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אַן אָנערקענונג דעם פריינד י. אָקנאָ ל״ב. — דעם ערן־אַדוואָקאַט פון דער „קדימה״ פאַר זיין פריייוויליקער מיטאַרבעט ביים דערליידיקן די יורידישע ענינים פון דער אינסטיטוציע, באַזונדערס ביים דורכפירן די קניה פון דעם „עסקווייער״־טעאַטער.

דער היגער יידישער פרעסע: „די יידישע נייעס״, די „יידישע פּאָסט״, „דזשואיש ניוס״ און „דזשואיש העראָלד״ פאַר אָפּגעבן פּלאַץ פאַר די נאָטיצן און באַריכטן פון דער „קדימה״.

דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה״, וועלכע האָט אָפּגעגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדנען און פאַרשענערן די „קדימה״־אונטערנעמונגען.

## באַריכט פון טעאַטער־קרייז א״נ פון דוד הערמאַן

דער טעאַטער־סעזאָן אין 1967 האָט ווידער באַוויזן, אַז מעלבורן איז איינער פון די געציילטע יידישע ישובים אין דער וועלט, ווו יידיש טעאַטער ווערט גוט אויפגענומען און אָפּגעשאַצט.

פאַראַיאָרן האָט דער קרייז צום ערשטן מאָל געמאַכט אַ פּרווו אויפ־צופירן אַ פּיעסע אָן דער הילף פון די „פּראָפעסיאָנעלע״ רעזשיסאָרן. דער

האָט געליטענט פון קאָרטשאַק׳ס בוך „משהלעך, יאָסלעך, ישראליקלעך״. א שילערין פון י. ל. פרץ־שול, יהודית סקידעל האָט רעציטירט ח. נ. ביאַליקס „אונטער די גרינינקע בוימעלעך״ און רחל געטלער האָט געזונגען פּאַפּיערניקאָווס „אונטער די פּוילישע גרינינקע בוימעלעך״ ביים פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַניאַמענט פון מרים ראָכלין.

די געזעלשאַפט „פריינד פון ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק״ האָט צוגעגרייט צו דעם אָוונט אַן אינטערעסאַנטע אויסשטעלונג וועגן זיין לעבן און שאַפן און א גרויס בילד פון קאָרטשאַקן.

דער אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון י. אָרבאַך, האָט געלאָזן א שטאַרקן איינדרוק אויף דעם צאָלרייכן עולם.

## טרויער־אַקאַדעמיע נאָך די אומגעבראַכטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער

אין שייכות מיט דער 15־טער יאָרצייט נאָך די אומגעבראַכטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער, איז דעם 25.2.68 איינגעאָרדנט געוואָרן א טרויער־אַקאַדעמיע.

נאָך אן אריינפיר פון פריינד ס. בורשטין און שפּילן א טרויער־מאַרש פון בעטהאָווען דורך מרים ראָכלין, האָט פריינד יצחק קאהאַן געגעבן אן איבערבליק איבער דער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור זינט דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אָפּשטעלנדיק זיך באַזונדערס אויף די דיכטער איזי כאַריק, איציק פעפער, שמואל האַלקין און לייב קוויטקאָ, ווי אויף דעם פּראָזאַאיקער דוד בערגעלסאָן.

ער האָט אָנגעוויזן ווי דער דרוק פון אויבן אויף די סאָוו. יידישע שרייבער איז געוואָרן אלץ מער שטאַרקער ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער ליקווידאַציע אין די 30־קער יאָרן, און גלייכצייטיק מיט רעם, דער חורבן פון דאָרטיקן יידישן לעבן. דער קולמינאַציע־פּונקט פון יידישן קולטור־גענאָסיד איז געשען אין 1952, ווען די גרעסטע און בעסטע סאָוו. יידישע שרייבער זענען קאָלעקטיוו אומגעבראַכט געוואָרן.

י. קאהאַן האָט פאַרענדיקט זיין רעפעראַט מיט א רוף צו יעדן ייד אין דער מערב־וועלט נישט צו רוען ביז דאָס גייסטיקע יידישע לעבן וועט צוריק אויפגעלעבט ווערן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דער אַרטיסטישער טייל פון דעם אָוונט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן פריינד ב. קאַלושינער, האָט ארומגענומען א ליד פון איציק פעפער, געזונגען דורך דעני קליינמאַן,א ליד פון איזי כאַריק, געזונגען דורך ריטא וויסוועלנער און א רעציטאַציע פון חיים גראַדעס פּאָעמע דורך לייבל גריפּענבערג.

## יהודה האָניג אָנדענק־אָוונט

צו דער ערשטער יאָרצייט נאָך יהודה האָניג ע״ה איז דעם 10.3.68 איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה״ צוזאַמען מיטן ציוניסטישן ראַט, רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, ח. נ. ביאַליק־שול, און ברית עברית עולמית א יהודה האָניג אָנדענק־אָוונט.

צער מזרח־בלאָק, ווי אויך די אראבישע מלוכות וועלן איינזען, אז דער איינציקער וועג איינצושטעלן שלום אין מיטעלן מזרח איז נישט דורך מלחמה, נאָר דורך שלום־פארהאנדלונגען".

## יעקב ווייסליץ אָנדענק־אָוונט

א גרויסער עולם איז געקומען צו דעם יעקב ווייסליץ אָנדענק־אָוונט דעם 25.8.67 אין שייכות מיט זיין ערשטער יאָרצייט. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם י. ווייסליץ־קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון דער „קדימה".

נאָכן שפילן שאָפּענס טרויער־מארש דורך מרים ראָבלין, האָבן י. קאַהאן, ל. פרידמאן און י. שער גערעדט וועגן דעם גרויסן בינע־קינסטלער, פּרעכטיקן רעציטאטאָר, גלענצנדן לעקטאָר און באגאבטן לערער. זיי האָבן אָנגעוויזן, אז י. ווייסליצעס וועג אין לעבן איז נישט געווען קיין לייכטער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מאטעריעלן ווילטאָג צוליב העכערע אידעאלן. זיין געראנגל צו דערגרייכן העכערע שטאפּלען פון קונסט און זיינע כסדרדיקע זוכענישן וועלן נישט גיין לאיבוד. זיין נאָמען וועט ארייננגיין אין פּאנטעאָן פון אונדזערע נאציאָנאלע קינסטלער און זיין אָנדענק וועט פארבלייבן אין אונדזער זכרון און אין אונדזערע הערצער.

שילער פון דער שלום עליכם־שול, ווו ער איז געווען לאנגע יאָרן א פארוואלטער, האָבן רעציטירט א ריי גערדיכטן און רחל געטלער האָט געזונגען איינינקע לידער.

דער איינדרוקספולער אָוונט איז פארענדיקט געוואָרן מיט צוויי שטארקע רעציטאציעס, אויסגעפירט דורך דער קינסטלערין רחל האָלצער.

## יאנוש קאָרטשאַק אָנדענק־אָוונט

דעם 7.11.67 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אן אָוונט צום אָנדענק פון ד"ר יאנוש קאָרטשאַק אין שייכות מיטן 25טן יאָרטאָג פון זיין אומקום. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאמען מיטן ווארשעווער צענטער, פעדעראציע פון די לאנדסמאנשאפטן און די יידישע שולן.

י. קערש האָט אין א לענגערן רעפעראט געגעבן אן איבערבליק איבער דער צייט, אין וועלכער ד"ר קאָרטשאַק האָט געלעבט און געשאפן. ער האָט אויך געשילדערט דעם לעבנסוועג פון דעם בארימטן הומאניסט, גרויסן טרוימער און קינדער־פּסיכאָלאָג.

א. נאגעל, פון ווארשעווער צענטער האָט אָנגעוויזן, אז ד"ר קאָרטשאַק איז שוין ביים לעבן געוואָרן א לעגענדע, ווייל ער האָט געשאפן איינעם פון די שענסטע יידישע אנשטאלטן — אן אינטערנאַט פאר קינדער, וואָס איז געוואָרן באקאנט אלס א קינדער־רעפּובליק.

פרוי פערטשוק, א געוועזענע דערציערין אין יאנוש קאָרטשאַק־היים, האָט דערציילט אירע זכרונות וועגן דעם קינדער־פּארלאמענט און דעם קינדער־געריכט, וואָס זענען געווען טעטיק אין דעם אינטערנאַט.

ר. בארבעק, א דערצויגענער אין קאָרטשאַק־היים, האָט דערציילט וועגן די אייגנארטיקע מעטאָדן, וואָס ד"ר קאָרטשאַק פלעגט אָנווענדן כדי צו אנטוויקלען דעם כאראקטער פון די קינדער און זייער ווילן. ש. שווארץ

ברענער פון שלום עליכם־שול און בעטי מעלניק האָט געשפּילט טרויער־מוזיק.

## פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד און מזרח־בלאָק

דעם 25.7.67 איז גערופן געוואָרן דורך דער „קדימה" א פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד און דעם מזרח־בלאָק. צו דער פאַר־זאַמלונג איז געקומען אַן עולם פון קנאַפּע 300 מענטשן.

די פריינד ס. בורשטין, ב. ווינער, י. קאַהאַן, י. קערש און ע. פרענ־קעל האָבן גערעדט וועגן דער שענדלעכער ראָל פון סאָוויעט־רוסלאַנד און פון דעם מזרח־בלאָק אין שייכות מיט דער אַראַביש־ישראַלדיקער מלחמה און וועגן זייערע פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן מדינת ישראל. זיי האָבן אויך אויסגעדריקט זייער טיפע זאָרג פאַר די יידן אין רוסלאַנד, פּוילן און אין אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„מיר, די פאַרזאַמלטע אין „קדימה", דינסטיק, דעם 25טן יולי, דריקן אויס אונדזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דער שענדלעכער ראָל, וואָס סאָ־וויעט־רוסלאַנד און אַנדערע לענדער פון מזרח־בלאָק שפּילן אין מיטעלן מזרח דורך באַוואָפענען כסדר עגיפּטן און סיריע און שטיצן דעם פאַנאַטישן אַראַבישן קאַמף קעגן מדינת ישראל.

„דער מזרח־בלאָק מיט סאָוויעט־רוסלאַנד בראש האָבן פריער געפירט און פירן עד היום די דאָזיקע אַנטי־ישראל פּאָליטיק נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געוווסט, אַז די אַראַבער האָבן געגרייט א טאָטאַלע מלחמה קעגן מדינת ישראל און געוואָלט דורכפירן א שחיטה איבער די צוויי מיט א האַלבן מיליאָן יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט.

„מיר פּראָטעסטירן ווי צום שאַרפסטן קעגן דעם, וואָס דער מזרח־בלאָק מיט סאָוויעט־רוסלאַנד בראש האָבן געהאַט דעם טרויעריקן מוט, נאָך דעם ווי די ישראל־אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן א גלענצנדן נצחון, צו שטעמפּלען מדינת ישראל אַלס אַן „אַגרעסאָר", בעת עס איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז גראָד די אַראַבישע מלוכות זענען געווען די אַגרעסאָרן, שוין מיט דעם אַליין, וואָס זיי האָבן באַלאַגערט ישראל אויף אַלע גרענעצן און האָבן פאַר־מאַכט דעם דורכפאָר דורך דעם טיראַנער דורכגוס פאַר ישראל־שיפן.

„מיר פּראָטעסטירן קעגן דער צינישער באַציאונג פון די רעגירונגען פון דעם מזרח־בלאָק צו די יידן, וואָס געפינען זיך אין זייערע לענדער, פאָדערנדיק פון זיי דערקלערונגען, וואָס שטעמפּלען ישראל אַלס אַן אַגרע־סאָר און וואָס פאַראורטיילן די העלדישע מעשים פון דער ישראל־אַרמיי.

„מיר פּראָטעסטירן באַזונדערס קעגן דער אומפאַרשעמטער דערקלע־רונג פון וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ אין פּוילן, וועלכער דריקט אויס אומ־צוטרוי צו יידן אין פּוילן און באַשולדיקט זיי אין אומלאָיאַלקייט.

„מיר רופן דעם ראַטנפאַרבאַנד און די אַנדערע לענדער פון מזרח־בלאָק צו רעספּעקטירן די געפילן פון זייערע יידישע בירגער לגבי זייערע ברידער און שוועסטער אין ישראל און נישט אָנווענדן לגבי זיי די מיטל־אַלטערטימלעכע מעטאָדן פון אויספּרעסן דערקלערונגען.

„מיר דריקן אויס די האָפענונג, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד און דער גאַנ־

אויף דער פייערונג זענען געווען אויך אַנוועזנד א צאָל יוגנטלעכע און קינדער.

* * *

דעם 7.5.67 בייטאָג איז געלייגט געוואָרן א קראַנץ דורך חוה ראָזענ־פארב־מאָרגענטאַלער און פאָרשטייער פון ישוב ביים מצבה־מאָנומענט אויפן קארלטאָנער בית־עולם.

## אָוונט לכבוד הערש מונץ

דעם 4.6.67 איז אין בית אניעלעוויטש פאָרגעקומען אן אָוונט לכבוד הערש מונץ אין שייכות מיט זיין 40־יאָריקער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אויסטראַליע, איינגעאָרדנט צוזאמען מיטן ציוניסטישן ראט, פועלי־ציון, פריינד פון „השומר־הצעיר", פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנ־שאַפטן, ברית עברית עולמית און „דער לאַנדסמאַן".

עס האָבן אים באַגריסט די פריינד: ש. ווין, ש. מאַראַנץ, ב. פאַטקין, ל. פרידמאַן, א. ציקערט, י. רעזאַק, י. שפּערלינג.

די רעדנער האָבן אין זייערע באַגריסונגען אָנגעוויזן אויף פר' מונצעס פאַרדינסטן ביים שטאַרקן דאָס היגע יידישע לעבן אלס שרייבער, רעדנער און קולטור־טוער. זיי האָבן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן זיינע גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון געשיכטע־פאָרשונג פון אונדזער ישוב. די ביכער און אַרטיקלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דעם געביט, זענען וויכטיקע היסטאָרישע פאָרשונגען פון אונדזער עבר אין אויסטראַליע.

די רעדנער האָבן אים געווונטשן אריכת ימים און א פולשטענדיקן געזונט ווערן נאָך זיין לענגערער קראַנקהייט.

אין אַרטיסטישן פּראָגראַם האָבן אָנטייל גענומען: דעני קליינמאַן, סיל־וויא פּאָרטעק און רחל פּאָדעמסקי — אַראַנזשירט דורך ב. קאַלושינער. קאָנפעראַנסיע: יאשא שער.

## שלושים־אָוונט נאָך יעקב זרובבל ע"ה

דעם 9.7.67 איז אין סעמועל מייערס האָל פאָרגעקומען א שלושים־אָוונט נאָך יעקב זרובבל ע"ה.

דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאמען מיט דער פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, יידישע שולן, רעדאַקציע פון „לאַנדסמאַן" און „פועלי־ציון".

די פריינד מ. לעווי, י. קאהאן און י. ראָזבי, האָבן גערעדט וועגן די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן פירער ביים רעאַ־ליזירן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל און ביים לייגן די פונדאַ־מענטן פון מדינת ישראל. זיי האָבן אויך גערעדט וועגן זיין קאַמף פאַר יידיש אין פאַרמלחמהדיקן פוילן און שפּעטער אין ארץ־ישראל. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף זיינע גרויסע אָראַטאָרישע און שרייבערישע פעאיקייטן און זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף זיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט צו ברענגען בטחון און טרייסט די יידישע ישובים.

אין אַרטיסטישן פּראָגראַם האָט זיך באַטייליקט מיט איינדרוקספולע רעציטאַציעס די קינסטלערין רחל האָלצער. עס האָט אויך רעציטירט רבקה

סאָקאָלאָוויטש און י. שפּערלינג אָנגעוויזן, אז ער איז איינער פון די אָנגע־זעענסטע יידישע נאָוועליסטן היינט־צו־טאָג און אז ער האָט גרויסע פאַר־דינסטן ביים שילדערן דעם יידישן גורל אין די לעצטע 30 יאָר. א דאנק אים איז אונדזער ישוב אריין אין דער יידישער ליטעראטור. זיי האָבן אים געוווּנטשן א גליקלעכע רייזע און א צוריקקער אהיים געזונטערהייט.

אין זיין ענטפער־וואָרט האָט ה. בערגנער געריידט וועגן די 29 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין אויסטראַליע און הגם ער פילט זיך איינגע־וואָרצלט אין היגן יידישן לעבן, איז ער נאָך אַלץ געקניפּט און געבונדן מיט די אמאָליקע פּוילישע יידן. דעריבער פיל פון זיינע העלדן, אזוי ווי ער אליין, הענגען צווישן די צוויי וועלטן.

ער האָט זיך געזעגנט מיט די פילצאָליקע פארזאמלטע פריינד און צו־געזאָגט איבערצוגעבן אין דער וועלט א גרוס פון היגן ישוב.

דער געלונגענער אָוונט איז געוואָרן פארענדיקט מיט אן ארטיסטישן פּראָגראם, אָנגעפירט פון יאשע שער מיט די אָנטיילנעמער: דעני און ראָוז קליינמאן, ריטא מאנדעלבוים און סילוויא פּאָרטעק. דער פּראָגראם איז געוואָרן צוגעגרייט דורך פר׳ ב. קאַלושינער.

## פייערלעכע אקאדעמיע צום 24טן יאָרטאָג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

רעם 7.5.67 (כ״ז ניסן) איז פאָרגעקומען אין מעלבורנער טאַון־האָל א גרויסע טרויער־אקאדעמיע צום 24טן יאָרטאָג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד.

די אקאדעמיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם „באַארד אָף דעפּיו־טיס״ און דער „קדימה״, צוזאמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט, פעדעראציע פון די לאנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער־פארבאנד, פארבאנד פון געוו. יידישע זעלנער, ייד. יוגנט־ראַט, בני־ברית, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. ארום 3000 מענטשן זענען געווען אָנוועזנד.

די הויפּט־רעדנערין אויף דער אקאדעמיע איז געווען די דיכטערין חוה ראָזענפארב, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם לאָדזשער געטאָ און א ריי קאָנצענטראציע־לאגערן.

איר רעדע אויף דער אקאדעמיע האָט געלאָזן א שטארקן איינדרוק. עס האָבן אויך גערעדט הרב ד״ר ה. פרידמאן, דער פּרעזידענט פון „באַארד אָף דעפּיוטיס״ נ. בעלער, און א יוגנט רעדנערין ש. לעבענשטיין. חזן אדלער האָט געמאַכט אן „אל מלא רחמים״ און געזאָגט קדיש.

אין דעם ארטיסטישן פּראָגראם האָט אָנטיילגענומען א כאָר פון דער הר־הצופים־שול. רחל האָלצער און רחל לעוויטא האָבן רעציטירט א פראַג־מענט פון ל. פרידמאנס „מאדאם אדלער״ און רחל געטלער האָט געזונגען אייניקע געטאָ־לידער ביים אקאָמפּאַנימענט פון מרים ראָכלין.

די רעדעס און דער ארטיסטישער פּראָגראם האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אונדזער פארערונג פאר די העלדן פון ווארשעווער געטאָ און דעם גרויסן צער און טרויער נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

נאָך דעם ווי איר קאָנטראַקט מיט דער „קדימה" האָט זיך געענדיקט, האָט זי געגעבן אייניקע קאָנצערטן אין פּויליש, אָרגאַניזירט דורך פּריוואַטע פּערזאָנען.

## ספּעציעלע אונטערנעמונגען

### דאָס לייענען די דראַמע „מאַדאַם אַדלער"

די דראַמע „מאַדאַם אַדלער" פון ל. פרידמאַן, וואָס איז פּרעמירט געוואָרן דורך דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, איז געלייענט געוואָרן עפנטלעך צוויי מאָל, דעם 2.4.67 און דעם 22.4.67.

דאָס לייענען איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך דער קינסטלערין רחל האָלצער. זי אויך געווען אין דער הויפּט־ראָל. די אַנדערע אָנטיילנעמער זיינען געווען: יצחק אַפּעלאָוויטש, רבקה גאַווענדאַ, שיע טיגעל, רחל לעוויטאַ, משה פיינטוך, מאיר צעפּראָוו, שמעון קינג, שלום שוואַרץ, יאַשאַ שער.

די פּיעסע, וואָס ברענגט אַרויס אויף אַ קינסטלערישן אופן אַ דראַמאַטישן עפּיזאָד פון דער חורבן תקופה, האָט געלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די פילצאָליקע צוהערער.

צום דערפאָלג פון לייענען די דראַמע האָבן געהאָלפן די דעקאָראַציעס און טעכנישע צוגרייטונג פון ש. טיגעל, די קלאַנג־עפעקטן פון ש. ציליך און די ליכט־עפעקטן פון דניאל צעפּראָוו.

### פּנחס גאָלדהאַר אָנדענק־אָוונט

דעם 23.4.67 איז פאָרגעקומען אַן אָוונט צום אָנדענק פון פּנחס גאָלדהאַר ע"ה אין שייכות מיט זיין 20־טער יאָרצייט. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה" און די יידישע שולן.

י. אָרבאַך, ה. בערגנער און י. קאַהאַן האָבן געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון דער גייסטיקער ירושה פון פּנחס גאָלדהאַר — דעם פּיאָנער פון יידישן שעפערישן וואָרט אין אויסטראַליע.

ש. ערענרייך האָט דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון לייען־קרייז א"נ פון פּנחס גאָלדהאַר און י. גיליגיטש האָט געלייענט פּנחס גאָלדהאַרס מייסטערווערק — „די לוויה".

### אָוונט לכבוד הערץ בערגנער

דעם 29.4.67 איז אין רעסטאָראַן „ציון" פאָרגעקומען אַן אָוונט לכבוד הערץ בערגנער צום באַקומען די „לאַניא און פּישל בימקא"־פּרעמיע פאַר זיין בוך דערציילונגען „ווו דער אמת שטייט איין" און צו זיין אָפּפאָר אויף אַ לענגערער רייזע.

דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה", י. ל. פּרץ און שלום־עליכם־שולן, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און „דער לאַנדסמאַן".

באַגריסנדיק ה. בערגנערן צום באַקומען די פּרעמיע, האָבן די פריינד י. אָרבאַך, י. גיליגיטש, י. לעוויטאַן, י. קערש, י. קאַהאַן, ל. פרידמאַן, א.

אין משך פון פארגאנגענעם יאָר זענען פאָרגעקומען 8 רעפעראטן, 2 אָוונטן לכבוד שרייבער און קולטור־טוער, 6 אָנדענק־ און שלושים־אָוונטן, 2 געזעגענונגס־אָוונטן, 7 קאָנצערטן פון דאָרא קאַלינווונא, 2 אָוונטן פון לייענען די פּיעסע „מאדאם אדלער", אן אקאדעמיע צום 24טן יאָרטאָג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד. א ריי אָוונטן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אנדערע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס.

## באזוך פון חוה ראָזענפאַרב

חוה ראָזענפארב (מאָרגענטאלער) איז א באקאנטע יידישע דיכטערין. זי האָט פארעפנטלעכט א ריי ביכער מיט לידער און האָט אויך אָנגעשריבן א דראמע „דער פויגל אין געטאָ", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דער „הבימה" אין ישראל. זי האָט אויך אָנגעשריבן א ראָמאן „דער בוים פון לעבן", וואָס איז דערווייל אין מאנוסקריפּט.

חוה ראָזענפארב האָט דורכגעמאכט דעם לאָדזשער געטאָ און איז געווען אין די קאָנצענטראציע־לאגערן אין אוישוויץ און בערגען־בעלזען.

נישט געקוקט דערויף וואָס איר באזוך אין מעלבורן איז געווען א קורצער (בלויז איין חודש), האָט ער דאָך געלאָזן א שטארקן רושם אויף אונדזער ישוב. אירע פיר רעפעראטן אויף יידישע און אלגעמיינע טעמעס זענען געווען הן אינפאָרמאטיוו און טיף, הן רייך אין שפּראך. איר ארויס־טריט אויף דער געטאָ־פייערונג איז געווען זייער רירנדיק.

טראָץ אירע טראגישע איבערלעבונגען אין געטאָ און אין די קאָנצענט־ראציע־לאגערן, האָבן אירע רעפעראטן געאָטעמט מיט אָפּטימיזם און טיפן גלויבן אין יידישן קיום און אין לעבן בכלל.

## באזוך פון דאָרא קאַלינווונא

דאָרא קאַלינווונא איז געווען נאָך באקאנט פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין פּוילן אלס א טאלאנטירטע שוישפּילערין. זי פלעגט ארויס־טרעטן הויפּטזעכלעך אין פּויליש.

נאָך דער מלחמה האָט זי זי אריינגענומען אין איר פּראָגראם יידיש און העברעאיש. זי האָט באזוכט מערערע מאָל ישראל און כמעט אלע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער ישוב אין אויסטראליע איז געווען איינער פון די געציילטע, וואָס זי האָט ביז איצט נישט באזוכט.

זי איז געקומען קיין אויסטראליע אויף דער איינלאדונג פון דער „קדימה" און האָט געגעבן צוויי באזונדערע פּראָגראמען און א דריטן א געמישטן. אירע פּראָגראמען זענען געווען אין יידיש און העברעאיש מיט א צוגאָב פון ענגליש און פּויליש. די 7 קאָנצערטן, וואָס זי האָט געגעבן אין מעלבורן זענען באזוכט געוואָרן פון העכער 2.000 מענטשן און די 3 קאָנצערטן אין סידנעי פון העכער 600 מענטשן.

די קאָנצערטן פון דאָרא קאַלינווונא, וואָס האָבן ארומגענומען רעצי־טאציעס פון געדיכטן פון באקאנטע יידישע דיכטער, געזאנג פון פאָלקס־לידער און הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן, זענען געשטאנען אויף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ און האָבן פארשאפן דעם היגן עולם א גרויסן גייסטיקן גענוס.

ל. טשערני איז געשטאָרבן דעם 29.11.67.

ס. בורשטין, ב. ווינער און ח. גאָלדענפיין האָבן דורכגעלאָזן א ריי זיצונגען צוליב זייער אָפּוועזנהייט אין מעלבורן, ב. ווייסמאַן און ח. ראָזענ־בעס צוליב זייער שוואַכן געזונט־צושטאַנד.

דער עקזעקוטיוו האָט אָפּגעהאַלטן 10 זיצונגען.

עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן די פאָלגנדע קאָמיסיעס:

א) קולטור־ און ביבליאָטעק־קאָמיסיע: י. אָרבאַך (פאָרזיצער), פּ. אלטמאַן, ס. בורשטין, ח. גאָלדענפיין, ש. גאָלדשטיין, י. גריפענבערג, ב. ווי־נער, מ. ווילענסקי, י. טשיזשיק, נ. סמוזשיק, ח. ראָזענבעס, מ. שווארצבערג.

ב) פינאַנס ־ווירטשאַפט ־ קאָמיסיע: פּ. קרישטאַל (פאָרזיצער), ח. באָרענשטיין, ח. גאָלדענפיין, ב. ווייסמאַן, ל. טשערני, י. ליטמאַנאָוויטש, ה. מיאָדאָווניק, א. קאָזלאָווסקי, ש. ריכטער, ש. שווארץ, מ. שווארצבערג.

די פאָרשטייער פון דער „קדימה” אין באַארד אָף דעפּיוטיס זענען געווען: ס. בורשטין, מ. ווילענסקי, מ. שווארצבערג; פארטרעטער: פּ. אלט־מאַן, ח. באָרענשטיין, ה. מיאָדאָווניק.

## סעקרעטאַריאַט און אדמיניסטראַציע

דער סעקרעטאַר פון דער „קדימה” איז פּר׳ ל. פרידמאַן, ביבליאָטעקאַר — פּר׳ י. דאָרענבלאַט, הויז־אויפזעערין — מרס. א. בלאַנקאָ.

דער קאָמיטעט דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט דער ארבעט פון די „קדימה”־באַאַמטע.

## באַוועגונג פון מיטגלידער

צו דער פאַראיאָריקער אלגעמיינער פארזאמלונג האָט די „קדימה” געציילט 1430 מיטגלידער. אין משך פון באריכט־יאָר האָבן 3 מיטגלידער פארלאָזן מעלבורן; 18 — זענען געשטאָרבן; 35 זענען אויסגעשטראָכן געוואָרן אלס נישט פינאַנסיעלע. צו דער איצטיקער אָלגעמיינער פארזאמ־לונג ציילט די „קדימה 1374 מיטגלידער.

## ביבליאָטעק

אין פארגאַנגענעם יאָר זענען צוגעקומען 98 ביכער אין יידיש, ענגליש און העברעאיש. די ביבליאָטעק פארמאָגט איצט 5770 יידישע ביכער, 2379 ענגלישע און 594 העברעאישע — צוזאַמען 8743 ביכער.

לײַדער איז די צאָל געלייענטע ביכער געפאַלן ווידער לגבי פאַראיאָרן מיט 153 (767 אין 1967 לגבי 920 אין יאָר 1966).

אין משך פון יאָר זענען געלייענט געוואָרן 720 יידישע ביכער לויט די פאָלגענדע געביטן: בעלעטריסטיק — 398; זכרונות — 110; חורבן־ליטעראַטור — 38; געשיכטע — 35; רעפּאָרטאַזשן — 33; קריטיק — 31; זאַמל־ביכער — 21; פאָלקלאָר — 20; פילאָזאָפיע — 17; פּאָעזיע — 13; דראַמעס — 4.

די ביבליאָטעק האָט העכער הונדערט אקטיווע מיטגלידער, זי איז אָפן צוויי מאָל אין וואָך: זונטיק פון 11 אינדערפרי ביז 1 נאָכמיטאָג און מיטוואָך פון 7.30 ביז 9.30 אָוונט.

בילדער־ און אנדערע קונסט־אויסשטעלונגען און פאָרזעצן די דערפאָלגרייכע טראַדיציע פון ברענגען געסט־רעדנער און געסט־אַרטיסטן פון אויסלאַנד.

דער קאָמיטעט האָפט, אַז גאָר אין גיכן וועט די קניה פון „עסקווייער"־טעאַטער פינאַליזירט ווערן און די „קדימה" וועט זיך קענען איבערציען אין דער געקויפטער געביידע. עס וועט זיין נויטיק צו בויען אַ נייע, פּאַסיקע בינע פאַרן טעאַטער און אויפצושטעלן אַ ריי צימערן און זאַלן, ווי אויך אַנדערע איינריכטונגען.

אין דער געקויפטער געביידע וועלן געפינען אַ היים אויך די לאַנדס־מאַנשאַפטן. זיי וועלן קענען דאָרט פירן זייער טעטיקייט אין איינעם אָדער אייניקע צימערן, לויט די מעגלעכקייטן און וועלן קענען געניסן פון די זאַלן. עס וועט זיין אַ היים פאַר אַלע יידישע פּאָלקסטימלעכע עלעמענטן פון אונ־דזער ישוב, ווי אויך פאַר דער יוגנט, וואָס וויל ממשיך זיין די יידישע קולטור־טראַדיציע.

דאָס קויפן דעם „עסקווייער"־טעאַטער האָט אַרויסגערופן גרויס צו־פרידנקייט אין אונדזער ישוב. פיל מיטגלידער פון „קדימה" און נישט־מיט־גלידער האָבן זיך ענטוזיאַסטיש אָפּגערופן און אַליין אַריינגעטראָגן זייערע באַשטייערונגען, וואָס זיי האָבן זיינער צייט צוגעזאָגט בעת עס איז דורכגע־פירט געוואָרן די אַקציע פאַר אַ נייעם קולטור־צענטער. פיל מיטגלידער האָבן פאַרגרעסערט זייערע באַשטייערונגען.

דער קאָמיטעט אַפּעלירט צו אַלע מיטגלידער און פריינד פון דער „קדימה" צו געבן זייער מאַקסימאַלע הילף פאַר דעם לעבנס־וויכטיקן פּראָ־יעקט. דער קאָמיטעט איז איבערצייגט, אַז יעדער מיטגליד, פריינד און סימ־פּאַטיקער פון דער „קדימה" וועט געבן זיין פולע אונטערשטיצונג דורכ־צופירן די קניה פון דעם „עסקווייער"־טעאַטער און צו מאַכן די נויטיקע ענ־דערונגען אין דער טעאַטער־געביידע, כדי עס זאָל קענען אויפגעשטעלט ווערן דאָרט אַ שיינער פּאָלקסטימלעכער קולטור־צענטער, ווי עס פּאַסט פאַר אונדזער ישוב.

## קאָמיטעט און קאָמיסיעס

די לעצטע יערלעכע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער איז פאָרגעקומען דעם 21טן מערץ 1967, אונטער דעם פאָרזיץ פון פר' סענדער בורשטין.

אויף דער ערשטער זיצונג פון ניי־אויסגעווײלטן קאָמיטעט, דעם 5.4.67 איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו פון פאָלגנדן באַשטאַנד: פר' ס. בורשטין — פּרעזידענט; פר' פ. אַלטמאַן און פר' ח. ראָזענבעם — וויצע־פּרעזידענטן; פר' פּ. קרישטאַל — ערן־קאַסירער; פר' ב. וויסמאַן — געהילף פון ערן־קאַסירער; פר' ש. גאָלדשטיין — ערן־סעקרעטאַר.

פר' י. אָרבאַך איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון באַריכט יאָר 14 זיצונגען מיט דער פאָלגענדיקער באַטייליקונג: פּ. אַלטמאַן, ה, באָרענשטיין, מ. ווי־לענסקי — 14; י. אָרבאַך — 13; נ. סמוזשיק, ח. ראָזענבעם, ש. שוואַרץ, מ. שוואַרצבערג — 12; ס. בורשטין, י. ליטמאַנאָוויטש, א. קאָזלאָווסקי, פּ. קרישטאַל, ש. ריכטער — 11; ב. וויסמאַן, י. טשיזשיק — 10; ש. גאָלד־שטיין, י. גריפענבערג, ב. ווינער, ה. מיאָדאָוניק — 8; ח. גאָלדענפּיין — 7; ל. טשערני — 6.

מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען די באַזוכן פון די געסט־רעדנער, וואָס זענען געקומען אהער פאַראיאָרן אויף דער איינלאַדונג פון אַנדערע אָרגאַ־ניזאַציעס: פּראָפעסאָר בצלאל שערמאַן פון ניו־יאָרק (אויף דער איינלאַ־דונג פון משה שרת־פונדאַציע), דער שרייבער און קולטור־טוער אברהם ליס פון תל־אביב (אויף דער איינלאַדונג פון ציוניסטישן ראַט) און פּראָ־פעסאָר אברהם קאַהאַן פון טשיקאַגאָ (אויף דער איינלאַדונג פון „בונד"). אַלע דריי געסט זענען געלאַדן געוואָרן צו האַלטן איינעם פון זייערע רעפע־ראַטן אין „קדימה" (זע די טאַבעלע פון די „קדימה"־אונטערנעמונגען).

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די צאָל געסט־רעדנער פאַראיאָרן, באַזונדערס אין דער צווייטער העלפט פון יאָר, ווען איינער איז געקומען איידער דער צווייטער האָט פאַרענדיקט זיין באַזוך, איז געווען צו פיל פאַר אונדזער ישוב. ווען עס וואָלט געווען אַ בעסערע קאָאָרדינאַציע צווישן די אינסטיטוציעס בנוגע ברענגען געסט־רעדנער פון אויסלאַנד, וואָלטן זייערע באַזוכן געהאַט זיכער אַ גרעסערן דערפאָלג.

דאָך האָט יעדער פון די געסט־רעדנער צוגעטראָגן אויף זיין אופן אַ חלק צום היגן יידישן קולטור־לעבן און געהויבן די חשיבות פון יידיש אין אונדזער ישוב.

איצט געפינט זיך ביי אונדז אויף דער איינלאַדונג פון דער „קדימה" דער חשובער גאַסט פון אַרגענטינע — דער באַקאַנטער שרייבער, פּעדאַגאָג און לעקטאָר שמואל ראָזשאַנסקי. מיר זענען זיכער, אַז זיין באַזוך וועט דורכגיין מיט גרויס דערפאָלג.

דער דריטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „קדימה" ביים סוף פון יאָר 1966 און וואָס האָט אַרומ־גענומען די שאַפונגען פון אַ גרויסן טייל פון היגע פּען־מענטשן, איז צע־שיקט געוואָרן פאַראיאָרן איבער דער גאַרער וועלט און האָט אומעטום באַקומען אַ וואַרעמען אָפּרוף. אַ גרויסע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דעם אַלמאַ־נאַך זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין מעלבורן גופא, אַ קלענערע צאָל אין סידני און פּערט.

גאָר אַ וויכטיקע געשעעניש פאַר אונדזער אינסטיטוציע און פאַרן היגן יידישן ישוב בכלל איז דאָס קויפן דורך דער „קדימה" דעם „עסקווייער"־טעאַטער אין עלסטערנוויק. דערמיט ווערט פאַרווירקלעכט אַ לאַנגיאָריקע שטרעבונג פון אונדזער אינסטיטוציע איבערצופירן איר זיץ־אָרט אויף דער דרומדיקער זייט פון דער יאַררא, ווו עס געפינט זיך דער רוב פון אונדזער ישוב.

דער „קדימה"־קאָמיטעט איז איבערצייגט, אַז מיטן קויפן דעם שיינעם „עסקווייער"־טעאַטער וועט זיך אָנהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע. עס וועט געבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן און פאַרבעסערן די אַרבעט פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" און קענען אָנרעגן צו שאַפן אַ יידישן טעאַטער־קרייז אין ענגליש. עס וועט דערמעגלעכן דער „קדימה" צו ווייזן ישראלדיקע, יידישע און אַנדערע פילמען, ווייל דער „עסקווייער"־טעאַטער פאַרמאָגט די נייסטע אַפּאַראַטן צו ווייזן פילמען. עס וועט אויך אויפלעבן אַנדערע צווייגן פון דער „קדימה"־טעטיקייט ווי די ביבליאָטעק און לייען־זאַל, דערמעגלעכן איינצואָרדענען

# יערלעכער באריכט פארן 56טן טעטיקייט־יאר

חשובע פריינד, מיטגלידער פון דער „קדימה",

מיר האָבן דעם כבוד איבערצוגעבן אייך דעם 56טן טעטיקייט־ און קאסע־באריכט פון דעם יידישן קולטור־צענטער און נאציאָנאלע ביבליאָטעק „קדימה" פארן יאָר 1967.

די וויכטיקסטע געשעעניש אין יידישן לעבן אין פארגאנגענעם יאָר איז געווען די מלחמה, וואָס די אראבישע לענדער האָבן אויפגעצוואונגען אויף מדינת ישראל. אונדזער ישוב האָט, אזוי ווי אלע אנדערע ישובים איבער דער וועלט, גאָר שטארק איבערגעלעבט די דאָזיקע גורלדיקע צייט און אין משך פון אייניקע חדשים (יוני, יולי) איז דאָס גאנצע היגע יידישע געזעל־שאפטלעכע לעבן געשטאַנען אונטערן צייכן פון אָט דער געשעעניש.

די „קדימה" האָט אָפּגעשטעלט אלע אנדערע טעטיקייטן און געווידמעט די גאנצע אויפמערקזאמקייט צו שאפן די נויטיקע מאָראלישע און פינאַנ־סיעלע אונטערשטיצונג פאר מדינת ישראל. זי האָט ארויסגעגעבן אן אויפ־רוף, וואָס האָט גערופן אירע מיטגלידער, ווי בכלל דעם גאנצן ישוב, צו געבן די מאַקסימאַלע שטיצע פאר דעם ישראל נויט־אַפּיל און האָט זיך באטיי־ליקט צוזאמען מיט אנדערע אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס אין דער נויט־אַפּיל־אַקציע.

די „קדימה" האָט גערופן א גרויסע פּראָטעסט ־ פארזאמלונג קעגן דער שענדלעכער ראָל פון סאָוויעטנפארבאנד און פון דעם מזרח־בלאָק אין דעם מיטעלן מזרח און קעגן די פאלשע באשולדיקונגען לגבי מדינת ישראל אין שייכות מיט דער אראביש־ישראלדיקער מלחמה. די פּראָטעסט־דע־מאָנסטראציע האָט אויך פאראורטיילט די ציניש שטעלונג פון די רעגי־רונגען אין פּוילן און אין אנדערע לענדער פון דעם מזרח־בלאָק לגבי זייערע יידישע בירגער און דאָס אויספּרעסן פון זיי דערקלערונגען וואָס „שטעמפּלען" ישראל אלס „אגרעסאָר" (גענויער זע ווייטער).

די „קדימה" האָט אָבער אויך צו פארצייכענען א גאנצע ריי דערגריי־כונגען אויפן געביט פון קולטור־טעטיקייט אין דעם פארגאַנגענעם יאָר, פאר און נאָך דעם מלחמה־קריזיס אין ישראל.

אין דער ערשטער העלפט פון יאָר איז צושטאַנדגעקומען דער באַזוך פון דער פּאָעטין חוה ראָזענפארב פון מאָנטרעאָל. איר באזוך, הגם א קור־צער, האָט ארייגעבראכט פיל יום־טובדיקייט און דערהויבנקייט אין אונ־דזער ישוב (גענויער זע ווייטער).

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר האָט באזוכט מעלבורן אויף דער איינלאדונג פון דער „קדימה" די בינע־קינסטלערין דאָרא קאלינוונאַ פון ניו־יאָרק. אויך אירע פיינע וואָרט־קאָנצערטן האָבן ארייגעבראכט יום־טובדיקייט און דערהויבנקייט אין לעבן פון אונדזער ישוב (גענויער זע ווייטער).

# יידישער קולטור־צענטער
# און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

אַמטן אין יאָר 1967

**ע ק ז ע ק ו ט י ו ו :**

מר. ס. בורשטין — פּרעזידענט
מר. פּ. אַלטמאַן — וויצע־פּרעזידענט
מר. ח. ראָזענבעם — וויצע־פּרעזידענט
מר. פּ. קרישטאַל — ערן־קאַסירער
מר. ב. ווייסמאַן — געהילף פון ערן־קאַסירער
מר. ש. גאָלדשטיין — ערן־סעקרעטאר
מר. י. אָרבאַך — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

**ק אָ מ י ט ע ט :**

מר. ח. באָרענשטיין;
מר. ה. גאָלדענפיין;
מר. י. גריפּענבערג;
מר. ב. ווינער;
מר. מ. ווילענסקי;
מר. י. טשיזשיק;
מר. ל. טשערני
מר. י. ליטמאַנאָוויטש;
מר. ה. מיאָדאָווניק;
מר. נ. סמוזשיק;
מר. א. קאָזלאָווסקי;
מר. ש. ריכטער;
מר. ש. שוואַרץ;
מר. ש. שוואַרצבערג.
(געשטאָרבן דעם 29.11.67)

ערן ־ אדוואָקאַט: מר. י. אָקנאָ
אוידיטאָר : מר. ל. סטאָן
סעקרעטאר : מר. ל. פרידמאַן
ביבליאָטעקאר : מר. י. דאָרענבלאַט
הויז־אויפזעערין : מרס. א. בלאַנקאָ.

„קדימה"

גענרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

# ייִדישער קולטור - צענטער און נאציאנאלע ביבליאטעק „קדימה"

834־842 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן

## 56־טער טעטיקייטס - באַריכט

פאַרן יאָר 1967

## קאַסע־באַריכט און באַלאַנס

פאַר דער צייט

פון 1־טן סעפטעמבער 1966 ביזן 31־טן אויגוסט 1967.

---

מעלבורן 1968 מערץ



חוה ראָזענפאַרב ווערט באגריסט ביים אָנקומען אויפן עראָדראָם דורך די פאָרשטייער פון
„קדימה", יידישע שרייבער, יידישע שולן און א גרופע פערזענלעכע פריינד

„קדימה"

געגרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

# יידישער קולטור - צענטער און נאציאנאלע ביבליאטעק „קדימה"

842־834 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן

## 56־טער טעטיקייטס־באַריכט

פאַרן יאָר 1967

## קאַסע־באַריכט און באַלאַנס

פאַר דער צייט

פון 1־טן סעפטעמבער 1966 ביזן 31־טן אויגוסט 1967.

מעלבורן 1968 מערץ

Printed by York Press Ltd., 11-19 Hoddle Street, Abbotsford, 3067

# JEWISH CULTURAL CENTRE & NATIONAL LIBRARY "KADIMAH"

836-842 Lygon Street

North Carlton, 3054

Dear Sir or Madam,

I have the honour, by direction of the Board of Directors of the Kadimah, to request your attendance at the 56th ANNUAL GENERAL MEETING of the above Society, to be held on TUESDAY, APRIL 9, 1968, at 7 p.m. sharp, at the Kadimah Hall, above address.

Yours faithfully,

L. FREEDMAN,

Secretary.

---

BUSINESS

1. Confirmation of Minutes of the previous Annual Meeting.
2. Reception and Adoption of Annual Report and Balance Sheet.
3. Election of Board of Management.
4. Any other business that may occur.

NOTE — Written nominations for Directors of the Board of Management should be lodged at the office of the Kadimah not later than Monday, April 8, at 5 p.m.

יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק

„ק ד י מ ה"

842־836 לייגאָן סט., נאָרט קארלטאָן

# 56טע יערלעכע
# אלגעמיינע פארזאמלונג

חשובער פריינד,

דערמיט האָב איך דעם כבוד, לויטן אויפטראג פון קאָמיטעט, איינצולאדן אייך צו דער 56־טער יערלעכער אלגעמיינער פאר־זאמלונג פון „קדימה".

די פארזאמלונג וועט פאָרקומען דינסטיק, דעם 9טן אפריל 1968, 7 אָוונט פינקטלעך אין זאל פון „קדימה".

מיט דרך ארץ

ל. פרידמאן, סעקרעטאר.

סדר היום:

1) איבערלייענען און באשטעטיקן דעם פראָטאָקאָל פון דער לעצ־טער יערלעכער פארזאמלונג;

2) באשטעטיקן דעם יערלעכן באריכט און די געלט־רעכענונגען;

3) אויסוויילן א נייעם קאָמיטעט;

4) אנדערע ענינים, וואָס וועלן עווענטועל ארויפגעבראכט ווערן.

באמערקונג:

שריפטלעכע נאָמינאציעס פון קאנדידאטן צום קאָמיטעט דארפן ארייגעטראָגן ווערן אין סעקרעטאריאט פון „קדימה" נישט שפעטער ווי ביז מאָנטיק, דעם 8־טן אפריל 1968. 5 נ. מ.